מלחמה לה׳ בעמלק מדור דור

ועד הקהילות המאוחדות
1986 - 53 ST.
ברוקלין, ניו יארק

להתודע ולהגלות פאר דעם גאנצען אידישען עולם, וואס עס גייט אייגענטליך פאר אויף דער אידישער גאס, ווייל דער מצב איז שוין נישט אויסצוהאלטען, מיט דעם מורא'דיגען טעראר מצד די סאטמארער טעראריסטען באנדע, דער גאנצער אידישער עולם שטייט אומבאהאלפען געגען דעם אומדערטרעגליכען מצב, קיינער טרויעט זיך נישט אויף צו הויבען זיין שטימע, כדי אויפצוועקן זייערער טעראריסטישע מעשים, און דער עולם שטייט געפלעפט, אומבהאלפען, און קוקט זיך צו, דאס הפקר'דיגע שפיכת דמים, ווי מען פארגיסט אידישע בלוט, בפרהסיא, ואין פוצה פה ומצפצף, פשוט צוליב מורא, אז די שווארצע חברה זאלען זיך נישט נעמען צו דער פראטעסטירער, מיר וועלען בלויז ארויס ברענגען עטליכע פאלען וואס ס'איז פארגעקומען אין די לעצטע צייטען, והפרט יוכיח על הכלל:

א. ווען דער וויזניצער רבי שליט"א פון בני ברק האט פארבראכט מיט אייגענע חדשים צוריק א שבת אין וויליאמסבורג צווישען זיינע חסידים, האבען די סאטמארער חבורה געזען אין דעם א מין אריינדרינגונג אין זייער גבול אין וויליאמסבורג, און אפגעטון מעשים אשר לא יעשו כדי צו פארשטערן דעם צדיק און זיינע חסידים דעם עונג שבת, פרייטאג ווען ער איז געגאנגען אים מקוה לכבוד שבת קודש, האט מען אין געווארפען טעפלעך מיט וואסער ווי אויך האנטוכער אויף זיין קאפ, און אים נאכגעשריגען אז זיי טוען דאס כדי ער זאל זיך האבען מיט וואס צו וואשען די הענט נאך דער מקוה, דער רבי שליט"א האט אבער אלעס אנגענומען באהבה און געהייסען זיינע חסידים נישט צו ענטפערן אויף די בזיונות, דעם טשאלענט וואס מען האט צוגעגרייט דעם עולם לכבוד שבת האבען זיך די חברה אדריין גע'גנב'עט ביינאכט און אנגעפולט דעם טאפ מיט זאלץ אזוי אז מען האט די שבת מאכלים נישט געקענט עסען, און דער עולם איז געבליבען הונגעריג (אדום טויזענט אידען) דעם שבת, דאס איז אבער נאך נישט געווען גענוג, ווען דער רבי איז מוצ"ש צוגעגאנגען צו זיין אכסניה אין דער באגלייטונג פון זיינע הונדערטער תלמידים וועלכע האבען אים באגלייט מיט ברענענדיגע פאקלען, האבען זיי אים נאכגעווארפען שטיינער, און געשריגען: "פושע ישראל" און עגליכע עפיטעטען, אבער דער רבי שליט"א האט אנגעזאגט זיינע חסידים נישט צו ענטפערן, הגם אייניגע פון די וויזניצער חסידים האט מען פון די קלעף געמוזט אדריין טראגען אין האספיטאל, און דער רבי שליט"א האט זיי מבקר חולה געווען אין נעקסטען טאג.

ב. די דאזיגע מעשה איז שוין גוט באקאנט פאר פילע פון אונז, ס'איז א אומדעהערטע מעשה נבלה, פון השגת גבול, וואס זיי זענען באגאנגען קעגען דעם וויזניצער ישיבה אין מאנסי, וואו זיי האבען דער ישיבה משיג גבול געווען ביי דעם בנין הישיבה וואס וויזניץ האט שוין אפגעקויפט געהאט, ויבא סאטמאר... און האבען מוסיף געווען אויף דעם מקח שלא כדין, און האבען צוגענומען פון וויזניץ די מעגליכקייט צו קויפען דעם בנין, אן נאך אלעמען, כדי זיי זאלען בארעכטיגען די מעשה נבלה פון "ארור משיג גבול דעהו" האבען זיי ארויסגעבען א כתב סירוב דורך זייער "התאחדות הרבנים" געגען וויזניץ, אז זיי ווילען נישט איינהאלטען זייער פסק דין, און ווען מען האט שפעטער אפגערופען די רבנים וועלכע זענען געווען אונטערגעשריבען אונטער דעם "סירוב" האבען זיי געזאגט אז עס איז שקר וכזב, זיי האבען אזא כתב געגען וויזניץ קיינמאל נישט אונטערגעשריבען, ס'איז א זיוף גמור, און עס האט זיך ארויסגעצייגט אז דער גאנצער סירוב איז געווען די תחבולה פון די מנהלי הקהלה סאטמאר, און שבתי מרדכי בעקראוויטש די גרויסע פערזענלעכקייט פון זייער התאחדות הרבנים האט דאס ארויס געגעבען צוזאמען מיט די חתימות פון די רבנים, און ווען מען האט פארלאנגט פון די רבנים א מחאה גלוי' אז זאלען אפלייקענען אין דער עפענטליכקייט אז מען האט געפעלשט זייער אונטערשפריט אויף דעם "סירוב" האבען זיי געזאגט אז זיי האבען מורא פאר שבתי מרדכי'ן! אומדעהערט!

ג. די זעלבע מעשה האט פאסירט מיט דער פאליציי בילדונג אויף לי עוועניו קארנער קליימער סטריט, האבען זיי זיך אויף אריין געמישט קעגען וויזניץ שלא כדין.

ד. די מעשה פון "מסירה" ווען דער בעלזער רבי שליט"א איז דא געווען אין יאר תשל"ג, און איז געפארען אויף איין שבת קיין מאנטריאל, האבען זיי גע'מסר'ט די באסעס מיט וועלכע די בעלזער חסידים זענען געפארען צום רבי'ן שליט"א קיין מאנטריאל אויף שבת, אז זיי זענען שוועדצערס פון פארשידענע סחורות, ווי דיימאנט וכדומה, און די גרענעץ באאמטע האבען זיי אונטערגעזוכט, אזוי אז זיי זענען קוים אנגעקומען קיין מאנטעראל צו דעם זמן הדלקת נר שבת.

ה. זייער שמוץ בלעטעל "דער איד" האט דאמאלטס אפגעדרוקט א מאוס'ע באליידיגונג קעגען דעם בעלזער רבי'ן שליט"א מיט א פאלשען נאמען, מסתמא אויף צוליב דעם וואס ער האט זיך געוואגט אריינגיין אין זייער גבול וויליאמסבורג.

ו. ווי ס'איז באקאנט האבען זיי מיט זייער טעראר און מאוס'ע באליידיגונגען און "שיינע מעשים" קראנק געמאכט דעם קלויזענבורגער רבי'ן שליט"א, וועלכען זיי האבען מיט טעראר ארויסגעטריבען פון וויליאמסבורג (ווי ס'האט טאקע פאסירט אז ער האט זיך אנטשלאסען קומען אויף א באזוך קיין וויליאמסבורג האבען זיי אים באווארפען מיט אייער, און דער עולם אין די סאטמארער בתי מדרשים האבען זיך געריבען די האנט פון נחת) און האבען זיין ישיבה צו גרונד געלייגט מיט פארשידענע פארברעכערישע מיטלען. ווער עס זעט היינט די בוסעס פון די קלויזענבורגער ישיבות אין וויליאמסבורג, חידוש'ט ער זיך וואס עס האט פאסירט מיט זיי, זענען פארשמירט און פאר'חזר'ט וואס נאר די סאטמארער כוליגאנעס קענען טון אזוינס.

ז. א פרישע מעשה פון השגת גבול, ביי דער קלויזענבורגער ישיבה אויף בעדפארד עוועניו "בית חנה לבנות".

ח. די דאזיגע מעשה איז שוין באקאנט, וואס זיי זענען באגאנגען געגען דעם סקווערער רבי'ן שליט"א פון סקווער, ווען ער איז געווען אויף א חתונה אין וויליאמסבורג האבען זיי אים באפאלען מיט א שירעם און צושטאכען, און זיין גבאי באשפריצט מיט א כעמיקאל פון וואס מען קען ר"ל בלינד ווערען, און האט טאקע נישט געזעהן מיט זיינע אויגען עטליכע וואכען, ביז מען האט אים ארויסגעהיילט ברחמי ה' אין האספיטאל.

ט. און ווען דער רבי איז געווען אין וויליאמסבורג אין זיין בית המדרש דחסידי סקווער האבען זיי אריין געשליידערט א שטינק באמבע, אז דער עולם האט אין מיטעם דאווענען געמוזט ארויסלויפען אין גאס.

י. ווער האט נישט געהערט פון דעם קראסנער רב שליט"א, א צדיק יסוד עולם, האט נעבעך קראנקערהייט געמוזט ארויס לויפען פון וויליאמסבורג, און זיך באזעצט בעל כרחו אין בארא פארק. זיין איצטיגע קראנקהייט ר"ל קען ער טאקע פארדאנקען פאר זייערע רדיפות, און אפילו דא אין בארא פארק, ווען זיין זון האט געהאט זיך באפאסט מיט עניני כשרות, האט מען אים געהאלטען אין איין טערערוזירען און געסטראשעט אים צו קינדנאפען די קינדער, אזוי אז ער האט זיך געצוואונגען געטראפען זיך צוריק ציהען זייך ניצליכער ארבעט אויף דעם געביט פון כשרות.

יא. דער קאשויער רב הגאון הצדיק ר' רפאל בלום שליט"א, וועלכער איז מפורסם מיט זיינע פייערדיגע דרשות פאר פרויען,

ממש א יחיד בדורו, איז כסרר טערעראזירט פון די חברה בכל מקום בואו. ווי ס'האט פאסירט אנימאלט, ווען ער האט באקאנט געמאכט אז ער גייט זאגען א דרשה אין "קינגס טעראס" אין וויליאמסבורג, האבען זיי ממש ארונטערגעריסען דעם דאך פון דעם זאאל וואו ער האט געזאלט האלטען זיין דרשה. נאכדעם ווי זיי זענען געגאנגען אין ש"ק פון איין בית המדרש צום צווייטען מכריז זיין אין זיין נאמען אז ער וועט די דרשה נישט זאגען, כדי דעם עולם צו פארפירען. און אין מיטען דער נאכט מוצש"ק האט מען מיט א מייק אויף א קאר מכריז געווען אז די דרשה וועט ער זאגען אין בית המדרש פון וויזניץ. און עס איז טאקע צוזאמען געקומען ארום טויזענט פרויען כ"י. און פלוצים איז געקומען א טילפון רוף אז ס'איז פאראן א באמבע אין בנין, אזוי אז די פאליציי האט געמוזט אויסליידיגען דעם בנין; די זעלבע מעשה נבלה האבען זיי אויך געטון בעת דער קאשויער רב שליט"א איז געווען אין מאנטריאל.

יב. א ארימער צובראכענער איד, וועלכער האט ל"ע פארלוירען א זון א טייערען בחור הי"ד אין א בחור'עם קעמף אין די מאנטענס, האלטען זיי אין טערעראזירען דעם ראצפערטער רב שליט"א, ביי וועמען די "התאחדות הרבנים" האט מיט אייניגע יאר צוריק צוגענומען די פרנסה, נעבעך, דעם הכשר אויף "סאראטאגא" וואסער וואס ער האט געגעבען אויף פסח, פון וואס ער האט געהאט א קליינע הכנסה, דאס איז זיי אויך געווען גרויס אין זייערע אויגען, און האבען דאס ביי אים צוגענומען אהנע טענות ומענות, און עס אוועק געגעבען א חבר זייערען א גרויסען עושר, און דער ארימער רב האט געמוזט מאכען א שווייג, מורא האבענדיג פאר זייער טעראר. און א גרויסער גאון א גדול בישראל האט דעמאלט געזאגט אז מען טאר דאס וואסער נישט טרינקען, ווייל דאס איז אידיש בלוט.

לעצטענס האבען זיי אים אונטערגעצונדען זיין ספרים געשעפט, און אים אנגעמאכט א גרויסען שאדען, היות ער האט קיין אינשורענס געהאט, און גיי שריי חי וקים!

אויך האבען זיי פארפלייצט לעצטע וואך גאנץ וויליאמסבורג, בארא פארק, פלעטבוש מיט פאשקעווילען א קעגען אים און זיין צייטונג "די תורה וועלט" וואס ער האט געגרידנעט ער זאל זיך זיכערן מיט א שטיקעל פרנסה, און האבען ארויס געגעבען איסורים און גראבע דראהונגען קעגען אים אין די צייטונגס סטאענדס וועלכע וועלען האלטען זיין צייטונג, אזוי אז זיין רבי'צין תחי' האט געליטען א נערוועז צוזאמען ברוך און זי איז נאך ביז היינט אין שפיטאל, רחמנא לשיזבן! אזוי האנדלן זיי מיט ארימען צובראכענעם רב, וועלכער איז נישט נושא חן ביי זיי, ער האט זיי ח"ו נישט געטון קיין שום שלעכטס.

יג. ווער האט נישט געהערט פון דעם בארימטען העלמעצער רבי'ן? דער בויער פון מקואות איבער די גאנצע וועלט, וועלכער איז מזכה רבים אויף א אופן וואס קיינער האט דאס נישט געטון, אזוי ווי ער איז אבער א בויער פון מקואות, האבען זיי זיך מיישב געווען אים צו צוברעכען, כדי אז דאס ענין פון מקואות זאל אויך ארונטער פאלען אונטער זייער מאנאפאל, האבען זיי אים א לאנגע צייט טעראריזירט מיט פארשירענע מיטלען, זיי האבען אויך ארויסגעגעבען א סירוב בי"ר קעגן אים, כדי אים פארשווארצען דאס פנים פאר דעם היימישען עולם, זייט דעמאלט איז ער נעבעך א אפטער גאסט אין ראטשעסטער, ער לידט פון דעם שרעקליך, וה' ירחם.

יד. דעם וועלט בארימטען פאפער רב שליט"א האבען זיי שופך דם געווען בעת זיי האבען זיך דערוואוסט אז ער נעמט געלט פון דער זשואיש פעדעריישאן, און מען האט אים מזמין לדין תורה געווען וועגען דעם, אזוי ווי ער האט זיך אבער דערוואוסט אז זיי נעמען אויך געלט אויף געוויסע צוועקען פון דער פעדעריישאן,

האט ער זיי נישט געהערט, און זיי באצייכענט אלס צבועים, שעושים מעשה זמרי ומבקשים שכר כפנחס, האבען זיי ביי אים אויסגעבראכען די פענסטערס, און געשטערט זיין מנוחה צו הרבצת תורה ועבודת ה' מיט מיאוס'ע טעלעפאן קאלל'ס און אנדערע מיני מעשה נבלה.

טו. די מעשה מיט די טיפע טראגעדיע פון דעם בארימטען פוסק דער דעברעצינער רב איז שוין אביסעל באקאנט דעם ברייטען עולם, אבער מיר ווילען עס אביסעל אויף פרישען, עס זאל נישט פארגעסען ווערען, ווי באקאנט האט זיך דער דעברעצינער רב איינגעשטעלט פאר דער כשרות פון דער שחיטה, וואס איז פעסט געשטעלט געווארען אזוי ווי שחיטה איז נישט בעסער — און אפשר נאך ערגער — פון דער סתם שחיטה באמעריקע, און האט ארגאניזירט א ועד הכשרות, און האט אפגטון שאדען זייער קאסע, האבען זיי אים גענומען רודפ'ן אויף די שרעקליכסטע אופנים, למשל, זיי האבען אים געסטראשעט אז זיי וועלין אים הרג'נען, אז זיי האבען שוין א שווארצען וועלכער וועט אים אריבער פארען מיט א קאר, און אפילו קיין האן וועט נישט קרייען נאך אים, זיין רבי'צען איז פון פיל עגמת נפש געמוזט אריין אין האספיטאל, וואו זי איז געווען דריי גאנצע וואכען, און ווען זי איז שוין למזל אהיים געקומען, האט זי געהאט דעם ערשטען טילפון קאלל אז דער זון האט געהאט א קאר עקסידענט, און איז געפאלען אין חלשות פאר שרעק, די זענען נאר א טייל פון זייערער מעטאדען פון טעראר...

טז. דעם באבובער רבי'ן וועלכער האט טויזענטער חסידים מיט ווייסע זאקען און האט מגייר געווען בארא פארק, האבען זיי אים מצער געווען פילע מאל, און ארויס געגעבען מיאוס'ע פאשקעווילען קעגען אים, אין איינעם פון זיי "באטיטלען זיי אים מיט דעם שיינעם "טיטעל" אבי אבות הטומאה, ד"ל, און לעצטען יאר האבען זיי אים געלאזט אונטערצינדען זיין מצה בעקערי, און פאראורזאכט א מורא'דיגען שאדען, ווייל אין דעם בנין האבען זיי געוואלט פלאצירען זייער ישיבה.

יז. א מוסטער פון א משלם רעה תחת טובה האבען מיר מיט די מעשה נוראה מיט דעם סקווערער רבי'ן אין בארא פארק, וועלכער האט זיי געטון גרויסע טובות, בעת דער סאטמארער רבי שליט"א איז נעבעך קראנק געווארען, אין האט זיך גענויטיגט אין מעדיצינער הילף האט ער געארבעט — ווי ער ארבעט פאר א יעדען וואס ווענדעט זיך צו אים — פיר און צוואנציג שעה אין מעת לעת, צו באזארגען די בעסטע דאקטוירים, אזוי האט ער אויך געטון די רעביצין תליט"א, און איצט באצאלען זיי אים צוריק די טובות, מיט דעם וואס זיי זענען אים משיג גבול, און האלטען ביים צונעמען זיין בנין הישיבה וואו ער איז שוין אין איר זייט זיבען יאר, ווי די אידישע פרעסע האט שוין איבער דעם באריכטעט.

יח. ווער האט אויפגעשטעלט די כשר'ע שחיטה אין אמעריקע מיט נאעהנט צו פערציג יאר צוריק, מיט חלב ישראל, ווען נישט דער צעהלימער רב שליט"א? ער האט דאס געמאכט מיט מסירת נפש, און זיי מיט זייער טעראר האבען דאס ביי אים צוגעראבעוועט, מיט די ערגסטע מיטלען, כדי אלעס זאל ארונטער פאלען אונטער זייער מאנאפאל, ממש גזילת הרבים...

יט. די זעלבע מעשה האט געטראפען מיט דעם באקאנטען קיוויאשדער רב פון די קווינס, ווען ער האט ארגאניזירט א כשר'ע שחיטה מיט דער הסכמה פון דעם סאטמארער רבי'ן שליט"א, האבען זיי מפרסם געווען אז אלעס איז נבילה וטריפה, און אים געסטראשעט מיט דעם ערגסטען און גדולי הדור האבען אים גע'עצה'ט אז ער מוז זיך נישט מוסר נפש זיין פאר דעם ענין, און אים משתיק געווען עד היום הזה...

כ. אזוי האט אויך פאסירט מיט דעם קאסאניער רב שליט״א פון די בראנקס, ווען ער האט זיך געוואלט מתעסק זיין — שלא על מנת לקבל פרס — מיט דעם ענין פון דער שחיטה האט מען אים גע׳רודפ׳ט און געלאזט צושלאגען, אז זיין רביצי׳ן תחי׳ האט מען מיט א שווערער הארץ קראנקהייט געמוזט אריין פירען אין שפיטאל.

כא. אזוי האט געטראפען זיין ברודער דעם קאסינער רבי׳ן פון בארא פארק, זיי האבען אים דורך טערא
ר געשלעפט צו זייער בית דין פון שבתי מרדכי בערקאוויץ און האבען ארויסגעגעבען קעגען אים א פסק דין אז היות ער האט גערעדט אויף זייער שחיטה — וואס איז שוין זייט א לאנגער צייט אונטער א גרויסען פראגע צייכען — האט ער מוציא שם רע געווען אויף דעם רבי׳ן שליט״א...״ און ער מוז פאר דעם בית דין מקבל נזיפה זיין אין די זאקען און טלית און קיטעל... א ברידה האט ער געהאט?

כב. מיילע, דאס איז שוין גוט באקאנט די מעשה מיט די ליובאוויצער חסידים וועלכע זיינען געקומען א שביעי של פסח, צושפרייטען אידישקייט ווי זיי טוען דאס איבער גאנץ אמעריקע און גאנצער וועלט, האבען זיי זיך צוזאמען גענומען און מען האט זיי צוזאמען געשלאגען, ווי עס איז געווען געמאלדען אין דער פרעסע, און עס איז געגאנגען אזוי ווייט, אז זיי האבען געבאפט א בחור׳ל פון 16 יאר פון די ליובאוויצער חסידים און האבען געוואלט ארונטער ווארפען אויף דעם הייוועי, וואס איז געווען א זיכערער טויט ר״ל, און באותו רגע איז צוגעקומען א וויזניצער חסיד און אים געראטעוועט פון זייערע רוצחי׳שע הענט ממש אין דער לעצטער מינוט.

כג. איינס פון זייערע טעראר מעטארען איז זיי זאלען אויסטראבטען אויף זייער קרבן, מעשיות וועלבע זענען נישט געשטויגען און נישט געפלויגען, ווי זיי האבען פארעפענטליכט אין זייער א פלוגבלאט אז דער הוניארער רב איז באמת א ראקטער און נישט קיין רב, נאך דעם וואס ער האט מיט רעדאקטירט זייער בלעטעל דעם ״איד״ עטליבע יאר, און פלוצים האבען זיי זיך דערוואוסט אז ער איז גאר א ״דאקטער״, דאס זעלבע האבען זיי געשריבען אויף דעם לוחם ה״צ הרב שטערנבוך פון ארץ ישראל אז ער איז א ציוני, בעת די קנאי׳שע פרעסע סיי אין ארץ ישראל סיי אין חו״ל זיינען פול מיט זיינע עקסטרעם קנאי׳שע מאמרים, אין דעם זעלבען פלוגשריפט האבען זיי באטיטעלט דעם וועלט בארימטען צדיק דעם נאוואמינסקער רבי זצ״ל מיט דעם נאמען אפיק׳...

כד. ווען דער קרעטשינעווער צדיק פון כפר אתא איז געווען שבת אין וויליאמסבורג האבען זיי אים אויסגעטיילט ביטערע צרות, האבען געווארפען שטיינער לכבוד שבת, און האבען אים געשטערט זיין טיש צו שלש סעודות, און אים נישט געלאזט זאגען קיין תורה צו רעוא דרעוין....

כה. אויך דער רעדאקטער פון דעם חודש בלאט ״המאור״ הרב ר׳ מאיר אמסעל, וועלבער האט זיי געטריי געדינט צוואנציג יאר, און פארטראטען זייערע אינטערעסען, און זייער שיטה, קעגען אלע גדולי ישראל, האבען זיי אים אלס שבר טוב צובראבען לשברי שברים, האבען ארויסגעגעבען דורך זייער ״התאחדות הרבנים״ א איסור קעגן אים, און זיי האבען מיט דעם צובראבען זיין ארימע פרנסה.

כו. איינער פון די גרעסטע לוחמים פאר דעם ענין פון כשרות, א מחבר פון מערער וויבטיגע ספרים, און זייערס א מענטש הרב ר׳ שלו׳ יודא גראס דער רב פון קהל הלאמין, אין בארא פארק, נאר אזוי ווי ער איז ארויס געקומען וועגען די גרויסע חששות פון זייער שחיטה, האבען זיי אים פארטריבען, און אים גערודף׳ט בררבם.

כז. אין זייער ביטער קנאות, האבען זיי אפילו דעם סאטמארער רבי׳ן שליט״א שוועסטערנס זון, הרב הגאון ר׳ יואל טייטעלבוים דעם קיראלחהאזער רב, נישט אפגעשוינט, און די אלע יארען וואס ער איז אין אמעריקע האט מען גע׳רודפ׳ט היות ער רופט זיך מיט דעם זעלבען נאמען וואס זיין פעטער שליט״א, און איז נישט גרייט זיך משנה שם זיין, זיי זענען נישט אפגעשטאנען אפילו פון מסירות, ווי ס׳איז א יעדען באקאנט.

כח. א איידעלער איד הרב ר׳ שלמה שווייצער, א טאטע פון דרייצען קינדער, און א רב אין בית המדרש דרבי נועם אין מאנסי, האבען זיי אים בארויבט פון זיין הויז און בית המדרש מיט פאלשע דיני תורה ״דורך זייער בית דין״ און אים איבערגעלאזט א גרויסען בעל חוב, און אהנע דאך איבער זיין קאף, געשיקט פייערלעשערס, און אמבולאנסען, שווארצע, און אנדערע פגעים רעים ר״ל, אזוי אז מען האט זיין רבי׳צין תחי׳ געמוזט אריין טראגען אין האספיטאל מיט שווערע סימפטאמען פון א הארץ קארנקהייט ר״ל, נאך א קימפעט.

כט. ואחרון אחרון חביב, הגאון האדיר המפורסם ר׳ משה פיינשטיין פרעזידענט פון אגודת הרבנים, א אלטער גאון וצדיק פון אריבער די שמונים לאורך ימים ושנים א מרביץ תורה און א מחבר פון וויבטיגע ספרים, האבען זיי אים שופך דם געווען צוליב זאבען וואס זיי שטימען נישט איין, און בפרט ווען ר׳ יוסף אשבנזי האט ביי אים פארלוירען א דין תורה, האט ער זיך גענומען צו דער ארבעט, צו פארשפרייטען דעם ״מענה לאיגרות״ אין זיין ספרים געשעפט וואס איז געצילט געגען די פסקים פון זיין ספר אגרות משה, און האבען ביי דעם זקן וגדול הדור אויך אנגעווענדעט זייערע שמוציגע טעראר אקטען, פון אמביולאנסען און פייערלעשער, ודי בזיון וקצף.

ועי״ב האלטען מיר אז מען דארף געגען זיי אנווענדען דעם ״סורו נא מעל אהלי הרשעים האלה״ נישט אריין טרעטען אין זייערע, בתי מדרשים, נישט זיך חבר׳ן מיט זיי, נישט אין געשעפטסזאבען, און נישט אין שידובין, פן תספו בבל חטאתם, ווייל די אלע אומגליקען ר״ל וואס טרעפען די אידישע גאס, איז א אפענער עונש פאר זייערע מעשה תעתועים, ובפרט זייערע השגחות, פון פלייש און מילך און אנדערע פראדוקטען, זאלען זיין ביי אונז אלעס נבילה וטריפה ובתבלית האיסור, בדי נישט צו זיין א נותן יד לפושעים וחטאים, ובזבות זה וועלען מיר באלד און גיך זובה זיין צו דעם וואס דוד המלך זאגט, ובל קרני רשעים אגדע תרוממנה קרנות צדיק בב״א.

וע״ז באנו עה״ח חודש אדר תשמ״ר פה ניו יורק.

חסידי ויזניץ	קהל עדת ראצפערט
חסידי בעלז	קהל עדת יראים דעברעצין
חסידי סקווער	קהל דרכי נועם מאנסי
חסידי גער	קהל טהרת יו״ט העלמעץ
חסידי קלויזענבורג	קהל מגן שאול האלמין
חסידי ליובאוויץ	קהל חרדים בית חנוך קיראליהאז
חסידי באבאוו	קהל ״המאור״
חסידי קרעטשינעף	קהל בני יששכר קיוויאשד
חסידי נאוואמינסק	
חסידי קאסאני	
תלמידי פאפא	
תלמידי קאשוי	
תלמידי ווינה	
תלמידי קראסנא	
תלמידי צעהלים	
תלמידי ישיבת תפארת ירושלים	